## Re: כת לב טהור אין גוואטעמאלע

25

דורך **על פי תורה** » פרייטאג סעפטעמבער 05, 2025 6:08 pm

איך זעי אז דער עולם איז נישט משים לב צו א וויכטיגע נקודה.
די קלאגעס וואס מען האט ארויפגעלייגט אויף די 2 געוועזענע לב טהור עסקנים זענען בכלל נישט קיין דשאוק, און עס איז א ביטער שווערע פרשה. די עסקנים לאזן זיך אריין דא אין א פרישע מערכה פון חדשים ארבעט און צענדליגער טויזנטער דאלארן.
ביי חיים צבי איז געווען גרינגער וויבאלד עס איז געווען אביסל פריער אינעם שפיל. ווי שפעטער אלץ שווערער איז עס, און אלץ מער ווערן פארמאכט מעגליכקייטן צו פועל'ן ביי די פראסעקיוטערס.
אבער מ'וועט דאס בעז"ה באוויייזן!

**מסירת מודעה**
ביטע פארשטיין: איך נעם נישט קיין אחריות צו ריספאנדן צו יעדע אישי
אויב עס איז וויכטיג, רופט מיר אויפן טעלעפאן, יישר''כ.



**על פי תורה**
אקטיוועער שרייבער

פאוסטס: 1115
זיך איינגעשריבן: פרייטאג דעצעמבער 01, 2023 12:26 am
Location: בירושלים בקרוב
x 11318

## Re: כת לב טהור אין גוואטעמאלע

7

דורך **ביז אהער** » מוצש"ק סעפטעמבער 06, 2025 6:39 pm

> **שמואל פוקס האט געשריבן:** ↑ פרייטאג סעפטעמבער 05, 2025 11:40 am
> ר' פסח אברהם יואל איז נעכטן נאכגעשריגן געווארן אין בבל, אז ער האט פארפאסט דעם יעצטיגן גלגול און זיין תיקון רח"ל.
>
> מפיו של ר' פסח אברהם יואל שמעתי, אז א עיקר חלק קרעדיט קומט זיך בלי ספק פאר 'לעבער אייער', מיט וועמען ער האט זיך פיל מתייעץ געווען און נאך שעות זיין אויפן טעלפאן און זיך אנגעטראגן הילף אויף פארשידענע סארט אופנים, ווי אויך העפטיגע עסקנות מצידו, איז עס צוגעקומען דערצו אז ער האט זיך געקענט פארשטיין מיט די עסקנים.
>
> אשרי לו ואשרי חלקו.
>
> איך וויל בלויז צולייגן, אז 'לעבער אייער' ארבעט מיט א שטילקייט און איידלקייט, אן דעם וואס אפילו די 'מעין סטרים' עסקנים ווייסן דערפון, און ער פועל'ט אויס גדולות ונצורות. איך גלויב אז ער אליין ווייסט אפילו נישט וואס דאס מיינט, הצלת נפש ומשפחה בישראל, און עס איז נישט קיין ספק אז אויפן היי יעריגע קאנטע ביים יום הדין, האט ער א מלאך מליץ יושר, וואס וועט אים באגלייטן און שטיין צו דער האנט.

יעצט פארשטיי איך שוין פארוואס זיי האבן נישט געלאזט עסן קיין אייער און קיין לעיבער, געבּ אַ קוק וואָס אביסל שייכות פֿון לעיבער מיט אייער האָבן דא אנגעווערטשאַפֿט..

**ביז אהער**
ניי צום טיש

פאוסטס: 8
זיך איינגעשריבן: זונטאג יולי 23, 2023 9:22 pm
x 18

## Re: כת לב טהור אין גוואטעמאלע

3

דורך **וואס דען** » מוצש"ק סעפטעמבער 06, 2025 7:38 pm

> **על פי תורה האט געשריבן:** ↑ פרייטאג סעפטעמבער 05, 2025 10:49 am
> > **הלבלר בקולמוס האט געשריבן:** ↑ פרייטאג סעפטעמבער 05, 2025 10:33 am
> > סאו בעסיקלי איז שוין יעדער געווארן צוריק צדיקים, אדער ס'איז נאך דא געוויסע רשעים?...
>
> זייער הצטרכות איז זייער מינימאליש דארטן. קען זיין אז די וואס האבן ג'אסר'ט אלע מיני עסן (אפילו כשר'ע) אלץ 'כשרות' האבן געהאט א ווייטע בליק ממש לעת כזאת און זיי האבן געמיינט מ'זאל קענען בלייבן ערליך אפי' ביי שווערע מצבים
> **אבער קיין 'עסקנים' זענען שוין נישט דארט.** מסתבר אז ס'איז דא אפאר קעצאלעס באהאלטן פאר די מינימאלישע עסן,
> **דהיינו: די לעקטער ווערט אפגעשפארט ביז א וואך**, ס'איז דא לעכט דארט פאר זייער ביליג.
> **עסן הערט אויף צו קומען**, - אבוקדו, טייטלן, טיי (אן צוקער), קאסט נישט קיין סך ...
> **די גארבידש ווערט נישט אויפגעפיקט**, - אז מ'עסט נישט איז נישט דא קיין גארביטש.
> והעיקר די לויער ארבעט נאר פאר ר' אברהם גרינהוט און ר' יואל יושע העשיל בלום. וואס איז מיט די לויערט'ע?

> **על פי תורה האט געשריבן:** ↑ פרייטאג סעפטעמבער 05, 2025 10:22 am
> > **לעבער אייער האט געשריבן:** ↑ פרייטאג סעפטעמבער 05, 2025 10:00 am
> > > **חאצקיל האט געשריבן:** ↑ פרייטאג סעפטעמבער 05, 2025 9:20 am
> > >
> > > איינער דאוונט ביין ווינקל מיט תפילין. ווער איז ער?

**וואס דען**
פרישער באניצער

פאוסטס: 94
זיך איינגעשריבן: דינסטאג מאי 27, 2025 9:07 am
x 184